Family Legal Care

פריי משפחה געזעץ העלפליינע
212-343-1122 | 800-696-8629
familylegalcare.org

יבערקוקן די QR קאָד צו לייענען דעם פירער אָנליין:

# דער גט פראצעס

די דאזיקע בראשור איז א גאייד פאר פרויען אין דער פרומער קהילה. פרויען זענען טאקע מער שייך צו ליידן פון צו זיין א קרבן פון גטענטזאגונג (ווען דער מאן אדער די פרוי האלט זיך צוריק פון אפלאזן דעם צווייטן פריי), אבער עס איז אויך מעגליך פאר א מאן צו זיין א קרבן.ווי אויך, עס זענען פאראן אונטערשיידן צווישן פארשידענע קהילות וויאזוי מען פארשטייט די הלכה וואס אנבאלאנגט גטן זיך. זיי זיך מיישבמיט דיין פרעזענליכן הלכהשע בעל-יועץ פאר מער אינפארמאציע.

## אינהאַלט פון אינהאַלט

### זייַט 1:

- טייטש פון עיקרדיקע טערמין
- איך וויל א דיווארס. וויאזוי באקומאיך עס?

### זייַט 2:

- צי דארף איך א גט?
- וויאזוי באקום איך א גט?
- ווער קען אנפאנגען דער גט פראצעס? וויאזוי קען איך דאס טוהן?

### זייַט 4:

- וואס ווערט פארקומען אויפן גט צערעמאניע?
- וועל איך באקומן א ראיה אז דער גט איז פארגעקומן?
- זענען דא ספעציעלע פאדערונגען מיט דעם שטר הגט?
- קען איך עמעצער מיטברייינגען צו דער צערעמאניע?

### זייַט 5:

- קען איך נאכאמאל חתונה האבן ווי נאר איך האב דעם גט?
- קען בית דין העלפן מיר מיט אנדערע איינצלהייטן אין שייכות מיטן דיווארס?
- דארף איך פאלגן דעם פסק פון בית דין?

### זייַט 5:

- וואס איז א הלכהשע פרינאפ?
- קען מען באצווינגן הלכהשע פרינאפס?
- מיר האבן נישט געחתמעט א פרינאפ איידער מיר האבן חתונה געהאט. קען מען נאך אלץ חתמ'ענען?
- וואו קען איך גיין פאר הילף?

### בלעטער 6-7: נאך רעסורסן

### זייַט 8: באַמערקן

## טייטש פון עיקרדיקע טערמין

**עגונה** (לשון רבים: עגונות) - א פרוי וואס איז "צוגעבונדן" צו איר חתונה געהאטע מצב, צוליב דעם וואס איר מאן ענטזאגט זיך, אדער האט נישט די מעגלעכקייט, צו איר געבען א גט.

**בית דין** (לשון רבים: בתי דין) - א אידישע געריכט מיט דריי רבנים.

**דיין** (לשון רבים: דיינים) - א רב אין בית דין.

**דין תורה** (לשון רבים: דיני תורה) - א פארמאלע פראצעס אין בית דין.

**גט** - א שטר (דאקומענט) וואס פארענדיקט דעם מצב פון זיין א חתונה געהאטע לויט הלכה.

**דיווארס** - א דערקלערונג אז די מאן און פרוי זענען שוין מער נישט געדעכנט ווי חתונה געהאטע לויטן ציוויל געזעץ.

**היתר ערכאות** - א שטר (דאקומענט) וואס גיט דיר ערלויבעניש צו איינגעבן אין קאורט אנשטאט בית דין.

**כתובה** - א חתונה קאנטראקט וואס לייגט פאראויס די חיובים וואס ליגן אויפן מאן פאר זיין ווייב.

**ממזר** (לשון רבים: ממזרים) - א קינד וואס איז געבוירן פון א פארבאטענע באציאונג.

**מסדר גיטין** - א רב וועלכער איז מסדר דער גט צערעמאניע (סדר הגט).

**פְּטור** - א דאקומענט וואס א בית דין גיט ארויס נאך דער גט צערעמאניע, און עס דינט אלס א ראיה אז א מאן אדער פרוי האבן זיך געגט לויט הלכה.

**סירוב** - א צַו וואס דערקלערט אז איינער רעספעקטירט נישט דעם בית דין.

**שטר בירורין** - אן אפמאך צו ארביטרירן, אדער ברענגן צו א סוף פון, אן ענין אין בית דין.

**סוֹפר** - דערוואס שרייבט אויס דעם גט.

**זבל"א** - א צוזאמענקומעניש פון א בית דין וואס איז געשאפן געווארן צו אויסהערן אן איינמאליגע קעיס.

# איך וויל א דיווארס. וויאזוי באקו מאיך עס?

געוויינטליך, א אידישע פארפאלק וואס האבן חתונה געהאט לויט הלכה און לויט ציוויל געזעץ, מוזן דורכגיין צוויי פראצעדורן, א אידישע גט און א ציוויל דיווארס. א אידישע גט הייסט אז דו ביסט א געגטער לויט הלכה. א ציוויל דיווארס הייסט אז דו ביסט א געגטער לויטן געזעץ פון דיין סטעיט.

לויט הלכה, נאר דער מאן האט די מעגליכקייט צו געבן א גט. מיטן געבען זיין ווייב א גט, ברענגט דער מאן דער זיווגשאפט צו א סוף. א גט איז א שטר (דאקומענט) וואס ברענגט דעם לעבן אלץ מאן-און-ווייב צו אן אפיציעלען ענדע. די ווייב מוז אנעמען (מקבל זיין) דעם גט מיט איר אייגענעם ווילן, כדי אז דאס געטנזיך זאל הייסן אגעטאן.

פאר מער אינפארמאציע וועגן ציוויל דיווארס, זעט דעם בראשור פון Family Legal Care "**אנקאנטעסטעטע ציוויל דיווארס יסודות**" (Uncontested Civil Divorce Basics).

## צי דארף איך א גט?

אן א גט, ביסטו נאך אלץ א חתונה-געהאטע לויט הלכה. דאס איז אמת ׳ אפילו אין פאל אז איר זענט שוין צעשיידט פאר א שטיק צייט, אדער האסט באקומען א דיווארס אין קאורט. די פראבלעמען קענען זיין:

- דו קענסט נישט חתונה האבן נאך א מאל תוך דער פרומער קהילה;
- קינדער וואס וועלן געבוירן ווערן אין דער צוקונפט וועלן זיין **ממזרים**, וועלכע האט הלכהשע קאנסעקווענצן; און
- אין א סך קהילות, אנצופאנגען א נייע אינטימישע באציונג איז א הארבע עבירה.

געווענטליך, איידער א קאורט אין ניו יארק וועט שענקען א דיווארס, דער וואס האט איינגעגעבן דעם דיווארס מוז פטור ווערן פון סיי וועלכע **מניעות צו קענען נאך א מאל חתונה האבן (remarriage to barriers)**. א מניעה הייסט עטוואס עפעס וואס האלט דיך אפ פון קענען נאך א מאל חתונה האבן לויט הלכה. דו זאלסט אדורךריידן וועגן דער ענין מיט דיין עטאירני. אויב דו רעפרעזענטירסט זיך אליין, זיי זיך מיישב מיט איינע פון די רעסורסן אויף זייט 7-6 פון דער דאזיקער בראשור.

---

## וויאזוי באקום איך א גט?

הגט). איר דארפט נישט זיין צוזאמען אויף די צערעמאניע. דידו און דיין מאן מוזן דורכגיין א ספעציעלע גט צערעמאניע (סדרט צערעמאניע געווענטליך קומט פאר אין א בית דין אדער אין אן ארט וועלכעביידע זענען מסכים. די צערעמאניע ווערט אנגעפירט דורך א רב, באקאנט אלס דער מסדר גיטין.

---

## ווער קען אנפאנגען דער גט פראצעס? וויאזוי קען איך דאס טוהן?

ד דו אדער דיין מאן קען אנפאנגען דער גט פראצעס. כדי צו קענען אס טוהן, דארפסטו זיך פארבינדן מיט א בית דין. ווען דו עפענסט א קעיס מיט דעם בית דין, די בית דין באאמטע וועלן שאפן א קאנטאקט מיט דיין מאן, אדער פרוי. אויב דיין מאן, אדער פרוי, איז מסכים צו באשטימען א דאטע פאר דער גט צערעמאניע, דאן וועט בית דין ארבעטן מיט דיר אויסצוקלייבן א דאטע. אויב דער אנדערע, דאס הייסט דיין מאן אדער דיין פרוי, וויל גיין צו אן אנדער בית דין, קענסטו מחליט זיין צי דו ביסט טאקע מסכים צו גיין צו אנאנדער בית דין אדער נישט. דו קענסט אויך שאפן א זבל"א. א זבל"א איז א בית דין וואס איז א צוזאמענקומעניש פון דיינים. אין א זבל"א בית דין, יעדער פון אייך קלייבט אויס איין דיין. דערנאך די דאזיקע צוויי דיינים קלייבן אויס א דריטער דיין.

**עס איז וויכטיג צו וויסן אז די פראצעדורן ענדערן זיך מיט די פארשידענע בתי דין. ווען דו ביסט מסכים פאר א געוויסן בית דין, וועסטו שוין נישט קענען טויש דיין דעה. זיי פארזיכטיג מיטן אויסקלייבן דעם בית דין.**

## וואס וועט פארקומען אויפן גט צערעמאניע?

אויף די צערעמאניע (סדר הגט), דיין מאן וועט אנזאגן דעם סופר צו שרייבן דעם גט פאר אים. דיין מאן וועט געבן דעם גט צו דיר (אדער א שליח) אין דעם אנוועזנהייט פון צוויי עדים.

מעגליך אז די רבנים וועלן אייךביידע שטעלן פראגעס. ווי צום ביישפיל, עס איז מעגליך אז זיי וועלן דיך פרעגן טאמער מען רופט דיר מיט אנדערע נעמען. דאס איז כדי צו פארזיכערן אז עס איז נישטא קיין שאלות מיט דעם שטר פון דעם גט. דער שטר קען נאר גענוצט ווערן ביי דיר און דיין מאן. זיי קענען אויך אפשר שטעלן פראגעס כדי צו פארזיכערן אז ביידע פון אייך גייען אדורך די צערעמאניע מיט אייער אייגענעם ווילן. ווען דו נעמסט אן דעם גט פון דיין מאן, דיין מצב פון זיין א חתונה-געהאטע איז דאן פארענדיקט לויט הלכה. געווענטליך, די גאנצע צערעמאניע געדויערט אן ערך א שעה צייט. געוועגטליך, דארפסטו קיין זאך נישט חתמה'נען אדער עפעס נאך טוהן. טאמער מען וועט דיר בעטן צו חתמה׳נען אנדערע דאקומענטן, ווי צום ביישפיל א סעטעלמענט אפמאך, זאלסטו זיך פריער מיישב זיין מיט דיין עטאירני. געוועגטליך, ארביטריישין און סעטעלמענט דאקומענטן זענען דיר מחייב לעגאליסטיש. דאס איז אמת אפילו אויב זיי זענען געשריבן געווארן אין אידיש אדער לשון קודש. דערפאר זאלסט נאכפארשן א בית דין מיט אכטונג, איידער דו גיבסט זיך אונטער צו זיי. עס זענען פאראן ניצליכע רעסורסן אויף זייט 6-7 פון דעם בראשור וועלכע קענען אייך מעגליך העלפן.

## וועל איך באקומען א ראיה אז דער גט איז פארגעקומען?

יא, דער בית דין וועט צעשטערן דעם שטר הגט דורך עס צעשניידן. דאס איז כדי אז קיינער זאל נישט קענען מאכן א שאלה צי דער שטר הגט איז כשר. אנשטאט דעם וועסטו באקומען א סערטיפיקעט, באקאנט אלס דער· פְּ טור. דער פטור איז א ראיה אז דו און דיין מאן זענען יעצט געגט לויט הלכה.

## זענען דא ספעציעלע פאדערונגען מיט דעם שטר הגט?

יא, לויטן מסורה, דער שטר הגט איז א דאקומענט פון 12 שורות געשריבן אין אראמיש. דער סופר מוז שרייבן דעם שטר הגט אונטער דער השגחה פון דעם בית דין און אין דער אנוועזנהייט פון צוויי עדים. דער שטר הגט איז געשריבן געווארן דווקא פאר איין מאן-און- פרוי. דער לשון פון דעם שטר הגט איז כללותדיק און עס אנטהאלט נישט קיין דערקלערונגן וואס אנבאלאנגט השקפה.

## קען איך עמעצער מיטברייננגן צו דער צערעמאניע?

יא. סיי דו און סיי דיין מאן קענען מיטברענגען עמעצער צו דער צערעמאניע פאר חיזוק. דו קענסט ברענגן א פריינט, משפחה מיטגליד אדער עטאירני. עס זענען פאראן ארגעניזאציעס וואס קענען דיר פארבינדן מיט א פרייוויליגער עטאירני. שאף קאנטאקט מער פאר 1-844-673-5463 נומער אויפן One Step Forward מיט אינפארמאציע.
One Step Forward אפפערט שטיצע, הדרכה און רעסארסען פאר סיי ווער וואס גייט א דורך א גט.

## דארף איך און מיין מאן זיין אין דעם זעלבן צימער בשעתן גט?

ניין. געווענטליך מאן און פרוי זענען אין דעם זעלבן צימער בשעת צערעמאניע. אבער אויב דו זארגסט וועגן דיין פארזיכערונג, אדער מצד אנדערע סיבות אז דו קענסט נישט זיין אין דעם זעלבן צימער, בעט דעם בית דין פאר א באזונדער צימער. דו קענסט אפילו בעטן פאר א באזונדערע ארט אין גאנצן, דער בית דין וועט ארבעטן צוזאמען כדי צו מסדר זיין די צערעמאניע.

---

## וויפל קאסט א גט?

געגאבען געווארן און אנגענומען געווארן אין צוויי באזונדערע אין ניו יארק, א גט קען קאסטן $1,500.00. בערך 00.700$. אויב דער גט איז ערטער, דאן קען דאס קאסטן זיין אזוי טייער ווי געווענטליך, די מאן און ווייב צעטיילן זיך מיטן קאסטן. אויב דו קענסט נישט עפארדן צו צאלן פאר דעם גט, פאראן געלט אויפן נומער. פרטים מער פאר -844-1 One Step Forward רעסארסן וועלכע קענען אייך העלפן. רופט 673-5463

---

## מיין מאן ענטזאגט זיך צו מיר געבן א גט. וואס קען איך טוהן?

א פרוי וואס איר מאן ענטזאגט זיך צו איר געבן א גט הייסט אן עגונה. אין לשון רבים הייסט דאס עגונות. אן עגונה מיינט "צוגעבונדן" אין לשון קודש.

עס זענען פאראן רעסארסען אין דיין קהילה וועלכע קענען העלפן אין פאל אז דיין מאן עטנזאגט זיך צו געבן א גט. טייל קהילות לייגן א דרוק אויף דעם מאן וואס ענטזאגט זיך צו געבן א גט מיט ליגאלע, באסיאלע אדער פינאנציאלע דרוק. פאר מער אינפארמאציע וועגן וואס צו טוהן אויב דיין מאן ענטזאגט זיך פון געבן א גט, פארבינד זיך מיט Forward Step One אויפן נומער צו העלפן דיך קען 1-844-673-5463. One Step Forward דערגרייכן א פראצעס מיטן בית דין, דרוקן א פסק פון בית דין, און אנקומען מיט א פלאן צו באקומען דעם גט. דו דארפסט נישטווארטן ביז דו וועסט פטור ווערן מיט דעם ציוויל דיווארס כדי אנצופאנגען מיטן פראצעס.

---

## קען בית דין צווינגן מיין מאן צו מיר געבן א גט?

ניין. דיין מאן מוז דיר געבן א גט פון זיין אייגענעם ווילן. דער בית דין קען ארויסגעבן א הזמנה, אן איינרוף, פאר דיין מאן צו זיך באווייזן אין בית דין צו דיסקוטירן וועגן גט. א הזמנה איז א דאקומענט וואס זאגט אן אז ער אדער זי מוזן זיך באווייזן אין בית דין. דער בית דין קען אויך ארויסגעבן א פסק אז א גט איז געפאדערט. אויב דיין מאן ענטפערט נישט עטליכע הזמנות, בית דין קען ארויסגעבן א סירוב אנטנקעגן אים. א סירוב איז א דאקומענט וואס דערקלערט אז א געוויסער מענטש ענטזאגט זיך פון פאלגן דעם בית דין. דער מענטש הייסט א מסורב לבית דין. עובר זיין אויף א סירוב האט הלכהשע קאנסעקווענצן און קען דערפירן צו שטראפונגן פון דער קהילה אדער שול.

די כללים וועגן דעם דאזיקן פראצעס איז קאמפליצירט. דו זאלסט זיך מיישב זיין מיט מומחים בשעת דו גייסט א דורך דעם פראצעס. פאר א רשימה פון רעסורסן וועלכע קענען אייך העלפן, זעט זייט 6-7 פון דעם דאזיקן בראשור.

## קען איך נאכמאל חתונה האבן ווי נאר איך האב דעם גט?

געווענטליך, דו קענסט נישט חתונה האבן נאכמאל ביז נאך דעם וואס דער גט און ציוויל דיווארס זענען פארענדיקט. לויט הלכה, מוזטו ווארטן לכל הפחות 29 טעג נאך דעם וואס דו באקומסט דעם גט, איידער דו מעגסט נאך אמאל חתונה האבן. לויטן געזעץ פון ניו יארק, איז דאס ווי נאר דער קאורט האט איינגעגעבן דעם פסק פון דעם דיווארס.

---

## קען בית דין העלפן מיר מיט אנדערע איינצעלהייטן אין שייכות מיטן דיווארס?

יא. טייל רבנים זאגן אז מאן-און-פרוי מוזן ברענגען א לעזונג צו א סכסוך דורך א בית דין. עס זענען פאראן א פאר אויסנאמס. רעד מיט דיין פרומער בעל-יועץ פאר מער אינפארמאציע. דער בית דין וועט באשטימען א דין תורה. בשעתן דין תורה, דו און דיין מאן וועלן ווערן געבעטן צו חתמה'נען א שטר בירורין. דאס איז א אפמאך צו צוגיין מיט אן ארביטריישין. ארביטריישין איז א פראצעס וואס ברענגט א לעזונג צו א סכסוך.

דער בית דין קען העלפן דיר און דיין מאן צו באמיען זיך אנקומען צו אן אפמאך וועגן צעטיילן די פארמעגן, פינאנציעלע איינצעלהייטן, און קאסטעדי (די השגחה איבער די קינדער) און וויזיטיישן (רעכטס צו קענען פארברענגען צייט מיט די קינדער). אויב איר קענט נישט מסכים זיין אויף איינע פון די איינצעלהייטן, וועט דער בית דין מחליט זיין פאר אייך. די איינצעלהייטן מוזן דערלזייט ווערן פאר דעם וואס דער בית דין וועט ארויסגעבן דעם גט.

דער בית דין קען פאדערן אז דו זאלסט איינגעבן דעם פסק אין קאורט אלס א חלק פון אן אנקאנטעסטעד דיווארס (uncontested divorce). (אנקאנטעסטעד דיווארס מיינט א דיווארס וואס איז נישט קעגנגעשטעלט. פאר מער אינפארמאציע וועגן דעם ציוויל פראצעס, זעט דעם בראשור פון Family Legal Care "**אנקאנטעסטעד ציוויל דיווארס יסודות" (Uncontested Civil Divorce Basics).**

---

## דארף איך פאלגן דעם פסק פון בית דין?

געווענטליך, יא. החלטות פון א בית דין זענען דיר מחייב לויט הלכה און לויט ציוויל געזעץ. אין זעלטענע צושטאנדן קען א קאורט מבטל זיין (vacate) א פסק פון דער בית דין. צום ביישפיל, א קאורט קען מבטל זיין די פסק פון בית דין וואס אנבאלאנגט קאסטעדי, טאמער עס איז נישט אין דאס בעסטן אינטערעס פארן קינד. א קאורט קען אויך מבטל זיין א פסק פון בית די וואס אנבאלאנגט טשיילד סאפאורט (support child), (אויסהאלטן דאס קינד, אין פאל אז עס איז נישט אין באשטימונג מיטן געזעץ פון ניו יארק. פאר מער אינפארמאציע, זעט דעם בראשור פון LIFT "**טשיילד סאפאורט אין א אידישע גט" (Child Support In A Jewish Divorce).**

זעלטן וועט א קאורט מבטל זיין א פסק פון א בית דין. זאלסט זיך מיישב זיין מיט דיין עטאירני וואס איז א מומחה מיטן הלכהשע און ציוויל לעגאלע סיסטעם, איידער מסכים זיין מיטן ארביטריישן אדער חתמה'נען אין בית דין סיי וועלכע דאקומענט.

## וואס איז א הלכהשע פרינאפ?

א **פרינאפטיואל עגרימענט (prenuptial agreement)**, אדער פרינאפ (prenup), איז א לעגאלע דאקומענט וואס דער חתן און כלה חתמה'נען איידער זייער חתונה האבן. א הלכהשע פרינאפ **(halachic prenup)**(איז געשריבן געווארן ספעציעל פאר אידישע מאן-און-פרוי. די הלכהשע פרינאפ איז געשאפן געווארן כדי צו פארמיידן פאטענציאלע פראבלעמען מיטן גט, וואס קען טרעפן בשעתן גטן זיך.

הלכהשע פרינאפ קען העלפן צוליב עטליכע סיבות, אזוויי צום ביישפיל:

- דער הפסד פון געלט גיט דיין מאן א סיבה נישט צו אפשטופן מיטן געבן דעם גט; און
- עס פאדערט פון אייך צו גיין צו א ספעציפישן בית דין פאר א גט. עס קען זיין אז דו וועסט זיין מער באקוועם מיט א געוויסן בית דין אדער רב.

פאר מער אינפארמאציע וועגן הלכהשע פרינאפ, באזוכט
**www.getora.org/prenup**

---

## קען מען באצווינגן הלכהשע פרינאפס?

יא. הלכהשע פרינאפ וואס איז געהעריק אויסגעפילט זענען מחייב לעגאליסטיש. עס קען ווערן באצוואונגן אין בית דין און אין קאורט

---

## מיר האבן נישט געחתמעט א פרינאפ איידער מיר האבן חתונה געהאט. קען מען נאך אלץ חתמה'נען?

יא. דו קענסט נאך אלץ חתמה'נען אן עגרימענט אויב דו ביסט שוין א חתונה געהאטע. דאס ווערט אנגערופן הלכהשע פאסטנאפטיואל עגרימענט **(halachic postnuptial agreement)**, (דאס הייסט אן אפמאך נאכן חתונה-האבן, אדער א הלכישע פאסטנאפ **(halachic postnup)**. (דער פאסטנאפ איז ענלעך צו דער פרינאפ אפמאך, אבער געווענטליך איז עס נישט אזוי שייך צו באצווינגן.

### וואו קען איך גיין פאר הילף?

איז אן One Step Forward רופט One Step Forward אויף 1-844-673-5463. אומזיסטע האטליין וואס שטעלט צו מיט שטיצונג, הדרכה, און רעסורסן פאר סיי ווער וואס גייט דורך א גט. עס זענען פאראן נאך רעסורסן אויף זייט 6-7

# נאך רעסורסן

## די הלכהשע פרינאפ

**Beth Din of America**
שטעלט צו אינפארמאציע וועגן הלכהשע פרינאפ און פאסטנאפ, ארייַנגערעכנט וויאזוי צו חתמה'נען אזא מין עגרימענט.
**www.theprenup.org**

**Organization for the Resolution of Agunot (ORA)**
ארגעניזאציע פאר די לעזונג פון עגונות שטעלט צו שטיצע, הדרכה און רעסורסן פאר סיי ווער וואס אינטערסירט זיך צו הלכהשע פרינאפ. זיי שטעלן צו מיט אומזיסטע סחתמה׳נען דע סערוויס צו דיר העלפן חתמה'נען דעם פרינאפ.
212-795-0791, **www.getora.org/prenup**

---

## קאונסעלינג און שטיצע מיט פסיכישע געזונט

**The Jewish Board**
שטעלט צו מיט פארשידענע פראגראמען און סערוויסעס פאריחידים און משפחות, אריינגערעכנט פסיכישע געזונט (mental health), געוואלד מעשים קעגן די אייגענע אין משפחה (domesticviolence), און סערוויסעס פאר קינדער, א.א.
**www.jewishboard.org**

**NYC Well**
שטעלט צו אומזיסט א האטליין פאר שטיצע מיטן פסיכישע געזונט, און רעקאמענדאציעס
אדער זוכט פאר שטיצע 888-692-9355 (NYC-WELL)
סערוויסעס אויפן אינטערנעט:
**www.nycwell.cityofnewyork.us/en/find-services**

## סערוויסעס פאר געוואלד מעשים קעגן די אייגענע אין משפחה (domestic violence) און געוואלד מעשים צווישען מאן און פרוי.

**אויב דו ביסט א קרבן פון געוואלד מעשים קעגן די אייגענע אין משפחה, אדער דו זארגסט זיך וועגן דיין פארזיכערונג, געפין הילף אצינד. דו קענסט אויך קאלן דעם האטליין פון Safe Horizon וועלכער איז אומזיסט און ארבעט 24 שעה א מעת-לעת, און פארנעמט זיך מיט געוואלד מעשים קעגן די אייגענע אין משפחה פארן שטאט ניו יארק:**
**800-621-4673 (HOPE)**

**Family Justice Centers**
**צענטערס פאר משפחה גערעכטיקייט**
שטעלט צו אומזיסטע און בסודיקע סערוויס צענטערס פאר די וועלכע האבן איבערגעלעבט געוואלד מעשים קעגן די אייגענע אין משפחה, אדער עלטערע וועלכע זענען געווען א קרבן פון שלעכטע בעהאנדלונג, אדער סעקס מסחר. מ'קען באקומען הילף אין אלע שפראכן, אפגעזעהן פון דעם מענטשנס אימיגריישין מצב.
Brooklyn Family Justice Center
350 Jay Street, 718-250-5111
Bronx Family Justice Center
198 East 161st Street, 2nd Floor, 718-508-1220
Manhattan Family Justice Center
80 Centre Street, 212-602-2800
Queens Family Justice Center
126-02 82nd Avenue, 718-575-4545
Staten Island Family Justice Center
126 Stuyvesant Place, 718-697-4300

**Sanctuary for Families**
שטעלט צו מיט אומזיסטע און בסודיקע לעגאלע און קאנסולטאציעס סערוויסעס, שוץ-ארט )מקום מקלט(, און שטיצע מיט עקענאמישע באכוחן, פאר ערוואקסענע און קינדער וואס האבן איבערגעלבט געוואלד מעשים קעגן די אייגענע אין משפחה, מסחר, און ענלנעכע סארט געוואלד מעשים וואס אנבאלאנגט עמעצערס דזשענדער .(מין)
212-349-6009, **www.sanctuaryforfamilies.org**

## סערוויסעס פאר געוואלד מעשים קעגן די אייגענע אין משפחה און געוואלד (domestic violence) מעשים צווישען מאן און פרוי.

**Shalom Task Force**
שטעלט צו מיט אן אומזיסטן האטליין, העלפט מיט א זיכערקייט פלאן, לעגאלע מיטהילף, דערציאונג פראגראמען, און אנדערע סערוועסיס פאר די וואס האבן אדורכגעלעבט געוואלד מעשים קעגן די אייגענע אין משפחה
**www.shalomtaskforce.org**, 718-337-3700

## לעגאלע סערוויסעס

**Her Justice**
שטעלט צו אומזיסטע לעגאלע עצות און רעפּעזענטיישין פאר פרויען מיט ווייניק פרנסה, אנבאלאנגט קאנטעסטעד און אנקאנטעסטעד דיווארסן, ארדערס אף פראטעקשין, קאסטעדי און וויזיטיישין, טשיילד סאפּאורט, און ספּאוזעל סאפּאורט (שטיצע פארן זיווג).
718-562-8181, **www.herjustice.org**

**The New Start Project**
שטעלט צו מיט הילף פאר ביליג, אנבאלאנגט אנקאנטעסטעד דיווארסן און סעפּערעישן עגרימענטס. אפּפערט אויך בקיצורדיק לעגאלע סערוויס מיט קאנטעסטעד דיווארס.
646-619-1272, **www.newstartproject.com**

**New York Legal Assistance Group (NYLAG)**
שטעלט צו אומזיסטע לעגאלע סערוויסעס פאר ניו יארקער מיט ווייניק פרנסה אין שייכות מיט דיווארס, ארדערס אף פראטעקשין, קאסטעדי און וויזיטיישין, טשיילד סאפּאורט, און ספּאוזעל סאפּאורט. אפּפערט אויך לעגאלע רעפּעזענטיישין אומזיסט פאר פרומער וואס האבן אדורכגעלעבט געוואלד מעשים קעגן די אייגענע אין משפחה דורך א פראגראם וואס הייסט (Project Eden).
212-613-5000, **www.nylag.org**

**Sanctuary for Families**
אפּפערט אומזיסטע און בסודיקע לעגאלע סערוויסעס פאר די וועלכע האבן אדורכגעלעבט געוואלד מעשים קעגן די אייגענע אין משפחה, סעקס מסחר, פּימייל דזשעניטעל מיוטילייישען (צומאזיקן א מיידלס געשלעכטגליד), און געצוואונגענע אדער קינד חתונה. סערוויסעס זענען אריינגערעכענט, אבער זענען נישט באגרענעצט מיט, דיווארס, ארדערס אף פּראטעקשין, טשיילד קאסטעדי און וויזיטיישין, טשיילד סאפּאורט, ספּאוזעל סאפּאורט (שטיצע פארן זיווג), אימיגריישין, וואוינונג, און פּאבליק בענעפיטס. אפּפערט אויך לעגאלע רעפּעזענטיישין אומזיסט פאר די וואס האבן אדורכגעלעבט געוואלד מעשים קעגן די אייגענע אין משפחה אין דער פרומער קהילה דורך Orthodox Jewish Matrimonial Project.
212-349-6009, **www.sanctuaryforfamilies.org**

**Sarah's Voice**
אפּפערט לעגאלע סערוויסעס פאר די וועלכע האבן אדורך געלעבט געוואלד מעשים קעגן די אייגענע אין משפחה אין שייכות מיט גט זיך, ארדערס אף פראטעקשין, קאסטעדי און וויזיטיישין, טשיילד סאפּאורט, ספּאוזעל סאפּאורט, און אימיגריישין.
718-337-3700 or 888-883-2323,
**www.shalomtaskforce.org/legal-services**

---

## סערוויסעס פאר קינדער

**The Jewish Board**
שטעלט צו מיט פארשידענע פראגראמען און סערוויסעס פאר יחידים און משפחות, אריינגערעכנט פסיכישע געזונט (mental health), (געוואלד מעשים קעגן די אייגענע אין משפחה, און סערוויסעס פאר קינדער.
212-582-9100 or 888-523-2769, **www.jewishboard.org**

**OHEL Children's and Home Family Services**
שטעלט צו מיט וואוינונג, פאסטער קעיר (אויפצי), קאונסעלינג, סערוויסעס אין דער היים, פראגראמען אין שייכות מיט סקול, קעמפּס, און סעקסיועל עביוז סערוויסעס פאר קינדער.
800-603-6435 (OHEL), **www.ohelfamily.org**

# באַמערקן

**דאַרפֿן מער הילף?** **משפחה לעגאַל קער אָפפערס פריי לעגאַל אינפֿאָרמאַציע און עצה אויף ניו יארק משפחה געזעץ און גערעכט פּראָסידזשערז.**

**באַזוכן: familylegalcare.org | רופן אונדזער העלפליין: 212-343-1122 אָדער 800-696-8629**

לעצט דערהייַנטיקט נאוועמבער 2022
© Family Legal Care

איר קענט פאָטאָקאָפּי און פאַרשפּרייטן דעם פירער; אָבער, איר קען נישט רעוויסע אָדער טויש די אינהאַלט אָדער באַזייַטיקן דעם לאָגאָ.

דעם דאָקומענט זאָל נישט נעמען דעם אָרט פון אַ באַראַטונג מיט אַ אַדוואָקאַט. משפחה לעגאַל קער ינקעראַדזשאַז אַלע מענטשן ינוואַלווד מיט די קרימינאַל און משפחה קאָורט סיסטעמען צו באַראַטן זיך מיט אַן אַדוואָקאַט.